צום שלוס א פאר ווערטער צו די קינדער פון אונזערע מעמבערס, צו די וועלכע זיינען אליין ניט געבוירען געווארען אין קעשינעוו. אז מען זאגט אייך אז איהר זאלט אריין אלס מעמבערס וואו אייער פאטער באלאנגט, שטעלט איהר זיך די פראגע: וואס פאר א שייכות האט איהר מיט קעשינעוו, וועלכע איז אייך פרעמד? זאלט איהר ניט פארגעסען, אז אייערע עלטערן האבען אין זכות פון יענער שטאט, דא געבויט פארשיי־דענע אינסטיטושאנס מיט דעם געדאנק פאר זעלבסט־הילף. איהר, אונזערע אמעריקאנער זיהן און טעכטער, האפען מיר, אז איהר וועט ווייטער פארזעצען דאס וואס אייערע טאטעס און מאמעס האבען אנגעהויבען. איך בין זיכער, אז אזוי ווי אייך זיינען ליעב אייערע טאטעס און מאמעס, אזוי איז אייך ליעב און טייער אלעס וואס איז פארבונדען מיט זיי. און אויף אזא אופן וועט איהר פארזעצען די ארבייט וואס זיי האבען אויפגעגעבען אזוי פיל צייט און מיה.

און יעצט, מיינע טייערע שוועסטער און ברידער און גענטס — איך פארזיכער אייך אז איך האב געטאן מיין בעסטעס, און אויב עפעס ניט קארעקט אדער ניט צופרידענ־שטעלענד, בעט איך אייך אנטשולדיגונג.

איך ווינש אייך אלע מיט אייערע פאמיליעס, פון דער טיפעניש פון מיין הארצען, אלע וואס איהר אליין ווינשט זיך און אייערע בעסטע מאמענטען פון אייער לעבען.

מיט ברודער גרוס,

ישראל ניטמאן, פינאנס סעקרעטער



מיר ארויסגענומען א נייע טשארטער וועלכער מיר רופען זיך: די ערשטע קעשענאווער פראגרעסיוו סאסייעטי אף ניו יארק, אינקארפאריטעד, אראפגירט יאנואר 2טען, 1947.

פאר די לעצטע 20 יאהר וואס איך באלאנג צו דער סאסייטי, איז די מערסטע פון די יאהרען ווענדען מיר זיך צו די מעמבערס מעהר צו בעזוכען די מיטינגען און אונז העלפען אין דער ארבעט פון דער סאסייטי. אבער צום בעדויערען, האבען זיך אונזערע מעמבערס ניט אפגערופען און זיינען געבליבען קאלט, און פארלאזען זיך מאקע אויף עטליכע אקטיווע מענשען וועלכע טוען מאקע די ארבייט, ווי שווער דאס זאל ניט זיין, אהן וועלכע פערזענליכע נוצען דערפון.

לאמיר האפען אז איהר וועט זיך אריינטראכטען אין דער זאך און איהר וועט אפטער באזוכען די מיטינגען, ווייל איהר דארפט ניט פארגעסען אז מיר האבען אויפגעטאן א סך פאר אלעס און אלעמען. מיר האבען קיינמאל ניט געמאכט שבת פאר זיך אליין, די גאנצע צייט פון אונזער עקזיסטענץ האבען מיר געשטיצט פארשיידענע אינסטיטושאנס, ווי יוניטעד דזשואיש אפיעל, פעדערייישאן אף דזשואיש טשאריטיס, היאס, דער קראס, האספיטאל אף דענווער, פאלעסטין קאמפיין, און נאך און נאך. עס איז אוממעגליך אויסצורעכענען אלע — אחוץ וואס מיר האבען אויך געשטיצט לאקאלע אינסטיטושאנס.

און ספעציעל יעצט, נאך דער מלחמה וועלכע האט איבערגעלאזט א גרויסען חורבן אויף דער וועלט, דארפען מיר זארגען פאר דעם קיום פון די אומגליקליכע אידען און פארזעצען אונזער הילפס ארבייט פאר די נויטליידענדע פארוואגלטע אידישע מאסען ארער רעשטלעך וואס איז פארבליבען פון אונזער פאלק און זיינען צושייט און צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט.

דערפאר אפעליר איך צו אייך, אז איהר זאלט פון איצט אן קומען אונז העלפען אין דער ארבעט. מיר זיינען נאך ניט צו אלט אז מיר זאלען פארליינען די הענט און גארניט טאן. ברענגט אריין אייערע זיהן און איידעמס אלס מעמבערס... דאס וועט געבען נייע בלוט, נייע קרעפטען ווייטער אנצוגעהן מיט דער הילפס ארבייט פאר ווייטערע יאהרען.

ביי דער געלעגענהייט איז ווינשענסווערט צו דערמאנען איינעם פון אונזערע פיאנערען — דער נאר וואס פארשטארבענער בר. יעקב ערליך ע"ה, וועלכער האט גע־ארבייט פאר אונזער סאסייטי ביז אין לעצטען טאג פון זיין לעבען. ער האט אונז אבער איבערגעלאזט א גרויסע און שעהנע ירושה — זיינע קינדער אלס מעמבערס, זיהן, איידעמס און פליסטעניקס, פון וועלכע זיי האבען שוין אריינגעבראכט זייערע קינדער פאר מעמבערס. אזוי ארום וועט דער נאמען יעקב ערליך קיינמאל ניט פארגעסען ווערען.

און יעצט א פאר ווערטער וועגען אן אלטען וועטעראן פון אונזער סאסייטי — דאס איז אונזער אלטער פינאנס סעקרעטער בר. י. מעריטס, וועלכער איז געווען סעקרעטער 18 יאהר. ער וואלט נאך יעצט אנגעהאלטען זיין אמט, אבער זיין געזונט האט עס איהם ניט ערלויבט — אדער ווי ער אליין שפרעכט זיך אוים... אז זיינע פיס ווילען איהם מעהר ניט דינען. דערפאר האט ער אין 1943 געמוזט רעזיגנירען. לאמיר אלע ווינשען אז בר. מעריטס זאל נאך זיין מיט אונז א סך יאהר.

ווי איהר זעהט איז ניט דערמאנט געווארען קיינע אפיסערס אחוץ פרעזידענטען, ווייל איך האב ניט געהאט גענוג צייט און ווי איך געוואלט. דארום וועלען זיי מיר מוזען אנטשולדיגען.

5th p. text p.37 (Yiddish)

4th p. text p.38

געדארפט דאס בילדינג פאר א סקול און מיר האבען געקראגען $28,00.00. דאן האבען מיר באצאהלט דעם מארטגיידזש און אויך פאר דער סעמעטערי אין סול, און עס האט זיך אונז נאך אפגעשטעלט א פאר טויזענט דאלאר (זעהט פינאנס).

דאן האבען מיר געהאט אונזער 25-יעריגען פעסט, און אלע אונזערע מיטגלידער האבען זיך באטייליגט מיט פרייליכע הערצער, און דער פרעזידענט איז אויך פרעזענטירט געווארען מיט א גאלדענעם זייגער, און דער סעקרעטער בר. מעריס איז פרעזענטירט געווארען מיט א רעזאלושאן. עס מוז דערמאנט ווערען, אז צו דעם שיינעם יום טוב פון 25טן יובילעאום איז געווען טשערמאן בר. י. קאפטשוק, דער יעצטיגער פרעזידענט פון דער אלד איידדש האום.

אין 1940 איז געווארען פרעזידענט ה. שווארץ. ווען דער מעמבער איז אריין אין דער קאמיטי האט ער גלייך געוואונען די סימפאטי און דעם צוטרויען פון כמעט אלע ברידער. ווייל בר. שווארץ איז א יונגער מאן מיט העכערע בילדונג, און דינענדיג אליין זעהר שטיל און באשיידען, האבען איהם די מעמבערס ליעב און ער ווערט פון יעדען געאכטעט און געשעצט. און איצט איז בר. שווארץ דער טשערמאן פון אונזער סעמעטערי.

אין 1941 איז ווידער געווארען פרעזידענט ר. פארמאן, וועלכער איז אן אלטער מעמבער. ער איז זעהר שטיל און באשיידען, און דערפאר האבען איהם די מעמבערס ליעב און האבען איהם ווידער אפגעגעבען דעם כבוד צו זיין פרעזידענט, ער זאל נאך זיין מיט אונז פאר א סך יאהרען. און יעצט איז ער אונזער טראסטי.

אין 1942 איז געווארען פרעזידענט א. וואלף ע"ה אין דער צייט ווען אונזער לאנד איז שוין געווען אין דער מלחמה. אזוי ווי מיר האבען בעפאר געהאט א שוהל און אויך ספר-תורה'ס, האבען מיר באשלאסען אוועקצוגעבען דריי ספר-תורה'ס צו דער אידישער וועלפעיר באארד פאר אונזערע אידישע סאלדאטען אויף יענער זייט ים. און דאס איז דורכגעפירט געווארען אין ריווינגטאן סטריט שוהל אויף א מיליטערישען שטייגער, און אזוי ארום האבען מיר ביינעסטייערט פאר אנקעל סעם.

און יעצט אין 1943 איז געווארען פרעזידענט רדש. פרעמדערמאן, א יונגערמאן וועלכער האט אריינגעבראכט א סך נייע מעמבערס — מאקע יונגע לייט אזוי ווי ער — און עס האט זיך אנגעפאנגען א נייע לעבען. און אזוי ווי די צייט שטעהט נים אויף איין ארט און אונזערע מאטעס זיינען געווארען אלט און שוואך, האבען מיר, דער יונגער עלעמענט, גענומען טוען די ארבייט. אין די מלחמה יאהרען האבען מיר, ד.ה. אונזער סאסייטי, געקויפט וואר באנדס פאר דער סומע פון $5,000.00.

אין 1944 איז געווארען פרעזידענט מ. בובליצקי, איינער פון די יונגע וועלכער בר. פרעמדערמאן האט אריינגעבראכט אלס מעמבער. ער האט ארויסגעוויזען אזא ענערגיע און איבערגעבענהייט צו דער סאסייטי, אז ער האט גלייך געקראגען דעם צוטרויען פון אלע מעמבערס, און ביז צו די צווי יאהר איז ער שוין געווארען פרעזידענט. מיר האפען אז בר. בובליצקי וועט נאך אמאל באקליידען דעם אמט אלס פרעזידענט.

און יעצט, אין 1945 ביז היינט-צוטאג, איז ווידער רדש. פרעמדערמאן אונזער פרעזידענט. דאס האט געצייגט ווי די מעמבערס קענען אפשאצען גוטע און איבערגעבענע ארבייט. און יעצט האבען מיר זיך ארומגעזעהן אז מען דארף איבערבייטען אונזער נאמען, ווייל די אלע יאהרען וואס מיר האבען געהאט א שוהל האט זיך געפאסט דער נאמען קאנגרעגיישאן. און יעצט, אז קיין שוהל האבען מיר שוין נים, האבען

3d p. text p.39



און יעצט האט מען אנגעהויבען טראכטען וועגען קויפען סעמעטערי, און פאר די נעקסטע פיער יאהר, ווען בר. קופער איז ווידער געווארען פרעזידענט, האט מען געקויפט די ערשטע 14 לאטס אויף מאונט חברון סעמעטערי, וועלכעס האט באטראפען $2,400.00, מיט דעם גדר. צו יענער צייט איז דאס געווען זעהר א גרויסע סומע געלט.

אזוי ווי אויבען דערמאנט, אז געוויסע פראטאקאלען זענען פארלוירען געווארען, וועלען מיר איבערלאזען איינינע יאהר און אנפאנגען פון דעם יאהר 1917, ווען ברודער מעריטס איז געווען פרעזידענט. דאן איז געגרינדעט געווארען אן אלד אידיש פאנד — מחסה לזקנים. דער צוועק פון דעם פאנד זאל זיין צו שטיצען קראנקע און אויך נויט-ליידענדע מעמבערס פון אונזער קאנגרעגיישאן. עס מוז געזאגט ווערען, אז דער פאנד, פאר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ, האט זעהר פיעל געהאלפען אונזערע מעמבערס. עס וואלט גענומען צופיל צייט און פלאץ אלעס איבערצוגעבען פאר דער גאנצער צייט וואס מיר האבען געטאהן פאר אלטע און קראנקע מעמבערס וואס זיינען געווען אין שלעכטע אומשטענדען, און דאס האט געפאדערט פינאנציעלע שטיצע.

און יעצט, מיט פיער יאהר שפעטער, ווידער ברודער מעריטס פרעזידענט, האט מען אנגעהויבען רעדען וועגען קויפען א בילדינג און מען זאל האבען אן איינענע שוהל און אויך א תלמוד תורה. מעמבערס און לאנדסלייט האבען דאנייטעט און מען האט זיך אויך געפלעדזשט, און אזוי ארום איז געווארען א סומע פון $6,000.00, און אין 1923 איז געקויפט געווארען א בילדינג אויף דער 5טער גאס דאנטאן. עס איז אריינגעקומען א סך מעמבערס צו דער שוהל, און די פרויען פון די מעמבערס האבען פערוואלטעט מיט דער תלמוד תורה. און אזוי איז פון דעם קליינעם שוהל'כעל געווארען א גרויסע אינסטיטושאן. און יעצט האט זיך אנגעהויבען די אמתע ארבייט, ווייל די ביזנעס איז פיעלפאך פארגרעסערט געווארען די מענער, מיט דער שוהל, און מיט דעם בילדינג אין אלגעמיין, און די פרויען מיט דער תלמוד תורה. אזוי איז אנגעגאנגען די ארבייט. די מעמבערס — און ספעשעל די פרויען — זיינען געווען פארנומען מיט דער תלמוד תורה.

אין 1926, ווען ברודער י. ערליך ע"ה איז געווען פרעזידענט, איז געגרינדעט געווארען דער לאון פאנד — גמילות חסד. דער צוועק פון דעם פאנד זאל זיין אויס-שליסליך צו לייען געלד צו די מעמבערס פון קאנגרעגיישאן אהן אינטערעסט און אויף לייכטע אויסצאהלונגען. צו יענער צייט איז דאס געווען זעהר א גרויסע הילף פאר איינינע מעמבערס — ספעשעל פאר קליינע ביזנעסלייט.

אין 1929, ווען ברודער ה. פארמאן איז געווען פרעזידענט, איז געקויפט געווארען די צווייטע סעמעטערי אויף מאונט חברון פון 20 לאטס, וואס האט געקאסט $12,000.00, און עס איז אויך געשטעלט געווארען א גדר, וועלכער האט געקאסט $2,000.00.

פון 1931 ביז 1933 איז דער שרייבער פון די דאזיגע צייל(ע)ן געווען פרעזידענט. דאס איז געווען די דעפרעשאן יאהרען, פון וועלכע אונזער קאנגרעגיישאן האט עס אויך געטראפען פינאנציעל, ווייל פון דעם טאג וואס מיר האבען געקויפט דאס בילדינג זיינען אלע מעמבערס געווען פארפליכטעט צו צאהלען דריי דאלאר יעדען יאהר פאר דעם מארגיידזש צום בילדינג, און ווי אויך צאלען פאר דער סעמעטערי. זעלבסטפארשטענדליך אז די מעמבערס האבען נים געקענט נאכקומען די אלע צאהלונגען און עס איז געווען זעהר קריטיש, און מען האט שוין אנגעהויבען רעדען וועגען פארקויפען דאס בילדינג . . . אויב נים וועט דאס די באנק סיי ווי אוועקנעמען. גליקליכער ווייזע האט די סיטי

2d p. text p.40

# 40 יאָהר קעשינעווער קאָנגרעגיישאָן־שוהל

געשריבען פון בר. שמואל גישמאַן

איך וועל פרייען זיי ווייס מעגליך אַרויסברענגען אביסעל געשיכטע פון דער גרינדונג פון אונזער ערשטער קעשינעווער קאָנגרעגיישאָן — די יעצטיגע ערשטע קעשינעווער פּראָגרעסיוו סאָסייטי אַף ניו יאָרק, אינקאָרפּאָרייטעד.

עס איז אַריבערגעפלויגען אַ פּעריאָדע פון פערציג יאָהר. אונז שיינט אַז אָט ערשט ניט לאַנג, כמעט ווי נעכטען איז דאָס געווען — און דאָך זיינען שוין פאַרלאָפען 40 יאָהר... אַ שטיק פון אונזער לעבען.

דאָס קען ניט בעטראַכט ווערען ווי איין פּוּלע געשיכטע פון דער קעשינעווער קאָנגרעגיישאָן. אויף דעם וואָלט זיך געדאַרפט אַ פּיעל טיכטיגערע און מעהר גרינדליכע אויספאָרשונג וואָס זאָל געבען די נעהעריגע מעגליכקייט ריכטיג אָפּצושאַצען די וויכטיג־קייט פון די געשעהענישען.

צום בעדויערען זיינען די אַלע נאָר ערשטע פּראָטאָקאָלען און אַנדערע וויכטיגע דאָקומענטען וואָס וואָלטען געדינט ווי אַ קוואַל פון מאַטעריאַל, פאַרניכטעט געוואָרען. דאָס ווייזט ווי אונפאַרזיכטיג מיר זיינען געווען אָדער מיר האָבען אונטערגעשעצט ווי וויכטיג דיזע דאָקומענטען קענען זיין פאַר אונז אין די שפּעטערע יאָהרען. דערפאַר וועל איך זיך מוזען באַנוצען מיט מיין איינענעם זכרון און ווי אויך פון אַ פּאָר עלטערע מעמבערס וואָס געדענקען פון יענער צייט.

מיט פערציג יאָהר צוריק בין איך — דער שרייבער פון די שורות — געוואָרען אַ מעמבער פון דער קעשינעווער קראַנקען בענעפיטלענס סאָסייעטי. ווי יעדער קעשינעווער אין יענער צייט, בין איך געקומען צו מיינע לאַנדסלייט און איך האָב זיך אַנגעשלאָסען מיט זיי, און ווי איהר ווייסט, האָבען מיר אַ קאָנסטיטושאָן מיט ביי־לאָאס און מען האָט נאָר אַריינגענומען קעשינעווער ביז 45 יאָהר אַלט. און דאַן, ווען אונזערע עלטערען זיינען אַריבערגעקומען אין דעם לאַנד אַמעריקאַ (און ווי נאַטירליך זיינען זיי געווען עלטער פון 45), איז געווען אַ פּראָבלעם — וואו זאָלען בעלאָנגען אונזערע עלטערען? האָבען זיך דאַן פאַראינטערעסירט איינינע פון אונזערע לאַנדסלייט, ווי מאָריס קופּער, מייקל מילשטיין, און נאָך איינינע, וועלכע זיינען שוין מיט אונז ניטאָ מעהר.

צו יענער צייט האָבען די מערסטע לאַנדסלייט געוואוינט אויף דער איסט־סייד — דאַונטאַון. האָט מען דערווייל געדונגען אַ קליין שוהלכעל, וואו אונזערע טאַטעס זאָלען זיך צוזאַמענקומען אַלע טאָג דאַווענען. און אַזוי איז אין דזשולי 18טען, 1907, געגרינדעט געוואָרען די ערשטע קעשינעווער קאָנגרעגיישאָן. דער ערשטער פּרעזידענט פון דער קאָנגרעגיישאָן איז געווען מאָריס קופּער, און דער ערשטער פינאַנס סעקרעטער און אויך רעקאָרדינג סעקרעטער איז געווען מייקעל מילשטיין. און אַזוי איז געבוירען געוואָרען די ערשטע קעשינעווער קאָנגרעגיישאָן, פון וועלכע אונזערע טאַטעס זענען געוואָרען אינטערעסירט און האָבען שוין ניט געדאַרפט אַנקומען צו זייערע קינדער, אַז זיי זאָלען דאַרפען ווערען ביי זיי מעמבערס.

1st p text p.41 (Yiddish, begging of 5 pages article)





## ב א ג ר י ס ו נ ג

עס פרעהט אונז זעהר וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו פייערען דעם 40־יעהריגען יובילעאום פון אונזער סאָסייטי. און מיר פיהלען זיך באמת שטאָלץ וואָס מיר האָבען גענומען אביסעל באַטהיליגונג זיין אין דער נאָבעלער אַרבייט. עס וואָלט אָבער געווען אַן אונרעכט ווען איך אַלס טשערמאַן פון דעם אַמעיר זאָל ניט אויסדריקען מיין דאַנק צו די גרינדערס, בעאַמטע און צו אַלע וואָס האָבען געהאָלפען מאַכען אָט דעם יום טוב אַ סוקסעס. צו אייך אַלע וויל איך זאָגען — נעמט אָן מיין אינניגסטען דאַנק און זאָלען מיר אַלע דערלעבען צו פייערען אונזער 50־יעהריגען יובילעאום.

זייט געגריסט און אַמוזירט אייך.

פון אייערע גוטווינטשענדע פריינד,

**מר. און מרס. דוד נאַדאַן**

Couple Yiddish 1 p.42



40th ANNIVERSARY ARRANGEMENT COMMITTEE

Arrangement Comm p.43. Leon Weinshank, my great-grandfather, is third from the left in the back row

## *Greetings*

On this occasion, the fortieth anniversary of the First Kishinever Progressive Society of New York, Inc., my wife and I wish to extend our best wishes to its officers and members. As Chairman of the Board of Directors I feel that a special tribute should be paid to our President Brother Fremderman, our Vice-President, Brother Schlitt and our Financial Secretary, Brother Gishman, for their diligent work.

MR. & MRS. ELI GRABOIS

Eli Grabois p.45





## באגריסונג

צו דעם 40־יאהריגען יובילעאום פון דער ערשטער קישינעווער פראגרעסיוו סאסייעטי אף ניו יארק פיהל איך זיך אויך יום-טוב'דיג. איך פיהל זיך ווי א נאענטע מחותנישטע אויף דער שמחה פון דער גרויסער סאסייטי משפחה, ווייל מיין מאן, זאל געזונט זיין, איז די אלע יאהרען ענג פארבונדען מיט דער סאסייטי, דורך זיינע פארשידענע אמטען וואס ער האט אנגעהאלטען, און איז איצט אויך דער פינאנס סעקרעטער פון דער סאָ־סייטי. ווי אויך איז איהם צוגעטיילט געווארען דעם כבוד צו זיין דער טשערמאן פון זשורנאל, און וועלכען עס וועט באשרייבען ווערען די היסטאריע און אפשפיגלונג פון פערציג יאהר אונערמידליכע ארבייט.

צו אונזער ליבען פרעזידענט ברודער פרעמדערמאן און אונזער ליבען וויס פרעזי־דענט ברודער שליט, אלע אפיסערס, ווי אויך אונזער באליבטען טשערמאן פון איצ־טיגען יום טוב, בר. דייוו גאָרדאן: איך וויל, אין נאמען פון מיין ליבען מאן און אין מיין אייגענעם נאמען, אויסדריקען מיין הארצי־גסטע וואונש, אז מיר מיט אונזערע שוועסטער און ברידער און נעקסט, זאלען אלע צוזאמען פייערען אין באגריסען איינער דעם צווייטען צו דעם גאלדענעם יובילעאום.

מיט ליבע און אכטונג,

**שוועסטער און ברודער גישמאן**

Couple Yiddish 2 p.46



Worthy Friends:—

Both my wife and myself wish to extend our sincere greetings to all our sisters, brothers and guests on this momentous occasion. Yes, our Fortieth Anniversary. Do you realize just what this means, not a fortnight, but almost a half century that we are together by the greatest of bonds, and this is Friendship. Yes, it is this friendship amongst our officers and members that enabled us to make such progress.

Progress of which I as President, am very proud, that all this was done with harmony and understanding, to help those who are in need of our help.

I could sit and write a history of each and every member and officer, of the good work they have done to further the progress of our organization.

In conclusion, may you all present here have an enjoyable evening, and our sincere good wishes to you.

Sincerely yours,

MR. & MRS. JOSEPH FREMDERMAN

Fremdermans p.47



WE WELCOME

OUR FRIENDS

TO OUR 40th ANNIVERSARY

THE COMMITTEES

— of the —

KISHINEVER SICK BENEVOLENT SOCIETY, Inc.

KISHINEVER INDEPENDENT LADIES' SOCIETY

YOUNG KISHINEVER BENEFIT & BEN. SOCIETY

KISHINEVER HOME FOR THE AGED

KISHINEVER RELIEF & CHARITY SOCIETY

OUR GUESTS

MAX L. ALPERN

Our Legal Adviser

Welcome guests p.48

# באגריסונג

## ערשטע קישינעווער פראגרעסיוו סאסייטי

אָף ניו יאָרק, אינק.

•

פרעזידענט, וויס פרעזידענטס, אפיסערס, טשערמאן אף באָרד אף דירעקטארס,
אראנזשמענטס קאמיטע צו אונזער 40-יעהריגען יובילעי,
מיט טשערמאן ברודער נאָרדען בראון:

מ'זאגט, אז שרייבען איז גרינגער ווי רעדען. שוין דערפאר אליין וואס מ'קען צען מאל לייענען און אויסבעסערן און ארויסברענגען די בעסטע און שענסטע וואס מען דענקט, און מען פיהלט ווענען די פערזאנען וואס מען שרייבט. גענוג צו זאגען, מיט אייער פירערשאפט האט איהר אונזער סאסייטי פארזיכערט דעם עקזיסטענץ אויף פילע יאהרען.

זייט'זשע, ווערטהע ברידער, געגריסט, און איך ווינש אונז אלעמען א סך געזונד און א גליקליך לעבען. מיר זאלען אלע צוזאמען פייערען אונזער פופציג יעהריגען יובילעי. מיט דער האפענונג אז מיר וועלען אייך אויך ווייטער צוזאמען ארבייטען און נאך שטארקער פארפעסטיגען אונזער אלעמענס באליבטע סאסייטי.

אייער איבערגעגעבענער רעקארדינג סעקרעטער,

ברודער און שוועסטער **בענדער**

p.49



President, Officers and
Sisters and Brothers:

I want to congratulate you to the 40th Anniversary.

As Treasurer of the F. K. P. S. and former Vice President, I wish you all to be well with your families and we should be together to the 50th Anniversary.

Your friend,

LEON WEINSHANK

p.50, ad from my great-grandfather



# *Greetings . . .*

Sisters and Brothers:

It is a great honor and privilege as an Ex-Presndent of this organization to welcome you to our 40th Anniversary Banquet. I hope that you will have an enjoyable evening.

I wish you all the best of health and happiness for the future and I wish our society great success.

Sincerely yours,

M. BUBLITSKY, Ex-President

Bublitsky p.51





## A WORD TO OUR YOUNGER GENERATION

As Chairman of the Journal, I take sincere pleasure in greeting all our members, officers and guests on this proud and joyous occasion of our 40th Anniversary.

I want to particularly appeal to the children of our members to keep in mind the very worthy and necessary work being done by our organization through the earnest efforts of their parents. I sincerely hope that the splendid tradition established by their parents and grandparents will be sustained and kept alive by the younger generation.

By becoming members of our Society, the names of your parents will not only be well remembered, but the freshness and vigor of you, our younger generation, which we need so greatly at this time, will be injected into the blood-stream and heart of our organization.

We are now well established, as you will see from the financial report. All we need is YOU, as members, to carry on our important work into the future.

ISADORE GISHMAN
Chairman of Journal
and Financial Secretary

Younger Generation p.52



# Greetings

Sisters, Brothers and Friends:

I deem it a great honor and privilege, as the Vice-President of the Kishinever Progressive Society to greet and welcome you to our 40th Anniversary. I sincerely hope that you all will have an enjoyable evening.

This our 40th Anniversary is an occasion of paramount importance in our lives, it makes another milestone of our great society.

If this affair tends to solidify our ranks and help build a larger and stronger society, it shall have rendered a moral purpose.

Wishing you all the best of health and happiness for the future and celebrate many more anniversaries to come, we are

Fraternally yours,

MR. & MRS. H. SCHLITT, Vice-President







# באגריסונג

ליבע שוועסטער און ברידער:

מיט פרייד און גליק קום איך אייך צו באגריסען צו אונזער שעהנעם און גרויסען 40-יאריגען יובילעאום פון אונזער באליבטען און שעהנעם פעראיין — פורסט קעשינעווער פראגרעסיוו סאסייעטי. איך פיל זיך זייער גליקליך און צופרידען וואס איר אלע שוועסטער און ברידער האבען דערלעבט דעם יום-טוב.

דיענדיג אן עהם-ווייס פרעזידענט פון אונזער באליבטען פעראיין, און ווי אויך זעהר אקטיוו, פיל איך מיך נאך מעהר גליקליך און צופרידען צו האבען דעם כבוד און די פריווילעגיע צו זיין דער טאסטמאסטער פון דעם גרויסען און שעהנעם 40-יאריגען יובילעאום. איך דריק אויס מיין דאנק צו דער ארענדזשמענטס קאמיטע פאר דער אנערקענונג פון מיין שווערער ארבעט וואס איך האב ביז איצט געלייסטעט פאר אונזער באליבטען פעראיין. איהר פארשטייט דאך, מיינע ליבע ברידער, אז ווען ארבייט ווערט אנערקענט, קריגט מען מעהר מוט און קוראזש צו ארבייטען. דערפאר, שוועסטער און ברידער, קום איך אייך צו באגריסען פון דער טיפעניש פון מיין הארצען, און ווינש אייך אלע, מיט מיר צוזאמען, צו דערלעבען דעם 50-יאריגען יובילעאום.

מיט ברודערליכען גרוס,

**ברודער דייוויד נאדראן**

עהם-ווייס פרעזידענט און יעצטיגער טאסטמאסטער פון 40-יאריגען יובילעאום.

### ARRANGEMENT COMMITTEE

D. GORDON ........ Chairman
H. SCHLITT ........ Vice-Chairman
A. BENDER ........ Secretary
L. WEINSHANK ........ Treasurer

| | |
|---|---|
| J. FREMDERMAN | I. GISHMAN |
| E. GRABOIS | D. FORMAN |
| I. EHRLICH | M. BUBLITSKY |
| B. POLLACK | J. FISHELMAN |
| A. FARFELL | P. HOROWITZ |
| M. SCHMOOKLER | A. DREZNER |

### JOURNAL COMMITTEE

I. GISHMAN ........ Chairman
B. POLLACK ........ Vice-Chairman
P. HOROWITZ ........ Secretary

### FLOOR MANAGER

M. BUBLITSKY

### RECEPTION COMMITTEE

| | |
|---|---|
| MRS. J. FREMDERMAN | MRS. I. GISHMAN |
| MRS. H. SCHLITT | MRS. D. GORDON |

### DINNER COMMITTEE

| | |
|---|---|
| MRS. E. GRABOIS | MRS. A. BENDER |
| MRS. BURWASER | MRS. M. SCHMOOKLER |

### FLOOR COMMITTEE

E. GRABOIS D. FORMAN
B. POLLACK

Arrangement Comm. p.55

1907 FIRST KISHINEVER PROGRESSIVE SOCIETY OF N. Y. 1947



J. Fremderman
PRESIDENT

J. Frederman photo p.56

# באגריסונג

ווערטהע בעאמטע, מעמבערס און געסט:

איך בעטראכט עס פאר א בעזונדערען כבוד און פערגעניגען אייך צו בעגריסען אין דיזען אויסערגעוויינליכען טאג פון אונזער 40 יעריגען יובילעי.

אלס פרעזידענט פון דער סאסייטי, קען איך אייך זאגען, אז מיר פייערען היינט ניט נאר אונזער עלטער, נאר אויך אונזערע אויפטוהונגען און דערגריי־כונגען פון דעם משך פון 40 יאהר. מיר האבען שטענדיג גענומען א טיכטיגען אנטייל אויף פארשידענע געביטען פון געזעלשאפטליכער טעטיגקייט און בעוועגונגען און מיר האבען א שעהנעם רעקארד פון שטיצען די וויכטיגסטע נאציאנאלע און טשאריטי אינסטיטושאנס, ווי אויך די לאנדסלייט פון דער אלטער היים.

דער שטאנד פון א סאסייטי, איז געגענזאץ צום מענשליכען לעבען, אז מיט דעם גאנג פון יאהרען ווערען שטארקער און גרעסער און מוז זיך צופאסען צו די בעגריפען פון יונגערען דור אויב שטארקער צו מאכען די ווארצלען פון זיין עקזיסטענץ. און איך קען מיט שטאלץ בעמאנען אז מיר האבען מיטל פראגרעסירט אין דיזער הינזיכט.

איך זעלבסט פיל זיך אין דער סאסייטי ווי אין א קרייז פון א גרויסער שיינער משפחה. מיין מעסעדזש צו אייך איז: זעהט אייער גאנצע משפחה זאל בעלאנגען מיט אייך צוזאמען. היט אייער משפחה פון א צעשפליטערונג אין פערשידענע סאסייטיס. אייערע קינדער און פריינד וועלען דערמיט אפגעשטעמפט ווערען פון אייך. עס איז א וויכטיגער ענין, וואס עס איז ווערטה זעהר ערנסט זיך צו פערטראכטען. פארטיידיגט דעם נאמען פון אונזער סאסייטי און העלפט אונז פירען אונזער סאסייטי צו ווייטערען פראגרעס אין אלע הינזיכטען.

מיט דעם וואונש אז אונזער טעטיגקייט אין דער צוקונפט זאל איבער־שטייגען די פערגאנגענהייט, און מיר זאלען זיך ווידער זעהן ביי אונזער נעקסטען יובילעאום.

מיט אכטונג און פריינדשאפט,

**דזש. פרעמדערמאן, פרעזידענט**





## OFFICERS

| | |
|---|---|
| M. BUBLITSKY | Ex. President |
| J. FREMDERMAN | President |
| H. SCHLITT | Vice-President |
| L. WEINSHANK | Treasurer |
| A. BENDER | Recording Secretary |
| I. GISHMAN | Financial Secretary |
| B. POLLACK | Comptroller |
| H. SCHWARTZ | Chairman of Cemetery |
| I. EHRLICH | Trustee |
| D. FORMAN | Trustee |
| D. GORDON | Trustee |
| DR. N. FELDSTEIN | Physician for Manhattan and Bronx |
| DR. N. KRINSKY | Physician for Brooklyn |
| MAX L. ALPERN | Legal Advisor |

### BOARD OF DIRECTORS

| | |
|---|---|
| E. GRABOIS | Chairman |
| P. HOROWITZ | Vice-Chairman |
| A. BENDER | Secretary |

| | |
|---|---|
| J. FREMDERMAN | H. SCHLITT |
| D. FORMAN | I. EHRLICH |
| D. GORDON | I. GISHMAN |
| M. BUBLITSKY | B. POLLACK |
| L. WEINSHANK | J. FISHELMAN |
| A. FARFELL | A. DREZNER |

### LOAN FUND

| | |
|---|---|
| J. FISHELMAN | Chairman |
| L. WEINSHANK | Treasurer |

### OLD AGE FUND

| | |
|---|---|
| A. DREZNER | Chairman |
| P. HOROWITZ | Vice-Chairman |

1907 יובילעאום זשורנאל 1947

# ערשטע קישינעווער

## פראגרעסיוו סאסייעטי

אף ניו יארק, אינק.

•

**40 יעהריגער יובילעאום**

**שבת אבענד, דעם 22טען נאוועמבער, 1947**

אין מאנהעטען פלאזא

66 איסט 4טע סטריט, ניו יארק